Dr. H. Shoskes

PAGES OF A GHETTO-DIARY

with a preface by Dr. J. Junosza

An authentic document on the Tragic events in Poland, from the Invasion to the battle of the Warsaw-Ghetto.

Yiddish Edition

$ 1.00

Dr. H. H. Glanz, Publisher
New York, 1944

זין און טעכטער, יידן און ניט־יידן, וועלכע זיינען געפֿאַלן אין די שלאַכטן פֿוןווידערשטאַנד קעגן שונא, אָבער ניט באַזיגט געוואָרן.

דער ווידערשטאַנד גייט נאָך אַלץ ווייטער אָן!

עס וועלן קומען אַנדערע, — און אפֿשר וועל איך אַליין אויך זיין צווישן זיי — וועלכע וועלן דערלעבן דעם נצחון און אים באַשרייבן.

זעען מיר דאָך אַלע אויפֿן האָריזאָנט די פֿאַרביקע קאָנטורן פֿון רעגנבויגן, וואָס זאָגט שוין אָן, אַז דער מבול הויבט אָן נאָכלאָזן, — אַז צווישן די געדיכט־אָנגעהאנגענע וואָלקנס, באַווייזט זיך ווידער די זון.

זאָלן די געבראַכטע בלעטלעך, אומקאָמפּלעט ווי זיי זיינען, דער־ציילן די געשיכטע פֿון געמיינזאַמע ליידן פֿון די מענטשן דאָרטן ביי דער ווייטער ווייסל; זאָלן זיי דערציילן וועגן געמיינזאַם פֿאַרגאָסענעם בלוט, וועלכעס דאַרף צעמענטירן אַלע גלויבנס אין אַ פֿרייען, דעמאָ־קראַטישן, אומאָפּהענגיקן פּוילן.

אָפּגעריסענע בלעטער פֿון ווייטן שטורם, — ברענגען זיי דאָך צו אונז דעם ריח פֿון דער פּוילישער ערד, פֿון די לאָנקעס, פֿון די אויסגעבענקטע וועלדער, פֿון דער פֿעטער ערד, אין וועלכער עס רוען די ביינער פֿון אונזערע נאָענטסטע און ליבסטע.

פֿאַראַן לענדער שיינערע, פֿאַראַן טייכן ברייטערע, פֿאַראַן הייזער העכערע, ווי אין ווייטן פּוילן, — אָבער אַהין קיין פּוילן ציט זיך אונ־זער בענקשאַפֿט און אונזער ליבשאַפֿט און אונזער וואונטש, אַז זי זאָל ווידער אויפֿשטיין, אויפֿוואַכן צו פֿרייהייט.

ת
4.ש
ו

Mr. & Mrs. I. Saffian
871 WEST KNOLL DR.
LOS ANGELES 69, CALIF.

בלעטער
פון אַ
געטאָ־טאָג־בוך

פון דר. ת. שאָשקעס

פאַרלאַג
דר. ח. ה. גלאַנץ

ניו־יאָרק, 1943

97.89

MARTYRS MEMORIAL AND
MUSEUM OF THE HOLOCAUST

Copyright 1943, by Dr. H. Shoskes and Dr. H. H. Glanz, New York, N. Y.

PAGES OF A GHETTO-DIARY
by Dr. H. Shoskes

129
PRINTED IN THE U. S. A.

Dr. H. H. Glanz Publisher, 112 Haven Ave. New York 32, N. Y.

די פֿאַרמשפּטע

דער שרייבער פֿון דער הקדמה, ד״ר י. יונאָשאַ, איז איינער פֿון די פֿירנדיקע פֿיגורן פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, וועמען ס׳איז געלונגען אַרויסצוקומען פֿון פּוילן מיט אַ וויכטיקער שליחות פֿון אונטערגרונט.

היינט פֿאַרנעמט ער אַ וויכטיקן אָרט אין פּוילישן מלוכה־אַפּאַראַט אין גלות. — דער נאָמען, אונטער וועלכן ער שרייבט, איז, צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים, אַ פּסעוודאָנים.

איך בין געווען 6 שעה אויף דעם „אומשלאַגס־פּלאַץ" אין וואַרשע, — דאָרטן אויף דער סטאַווקי גאַס, — וואו מען לאַדעוועט די יידן אין וואַגאָנעס צו זייער לעצטער רייזע; דאָרטן, וואו עס קומט פֿאָר איינע פֿון די גרעסטע טראַגעדיעס אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

מיר קוועטשן זיך אַריין אין אַ מענטשן־קנויל; עס איז הייס, אַ שרעקלעכער געדראַנג, אַ לופֿט דערשטיקט צו ווערן. מען קען שוין פֿון די ריחות פּשוט ניט אויסהאַלטן. די אָנגעזאַמלטע קרבנות שוויצן; ערלעדיקן זייערע נאַטירלעכע באַדערפֿענישן דאָרט, וואו זיי שטייען... וואָס איז דען די נפֿקא־מינה? אויפֿן דריטן שטאָק פֿון דער געביידע שטייט עפּעס אַ יונגע פֿרוי מיט אַ שגעון פֿייער אין די אויגן. זי שרייט ניט, נאָר וואָיעט, ווי אַ פֿאַרוואונדעטע חיה: „אַוועקגענומען, צוגענומען..." עמעצער זאָגט מיר: „צוויי קליינע קינדער אירע האָט מען נאָר וואָס אַריינגעוואָרפֿן אין אַ וואַגאָן".

איך שטיי אַ באַטויבטער, אַ באַרוישטער, אַן אויפֿגעטרייסלטער. אָט בין איך אויף אַ וואָקזאַל און עס שטייען מענטשן און וואַרטן אויף אַ צוג, אויפֿן צוג פֿון טויט". אָט זע איך, ווי

די מענטשן גייען אַראָפּ פֿון די אויבערשטע שטאָקן פֿון „אומשלאַגס־פּלאַץ" מיט אַן אויסזען פֿון „לונאַטיקער": שוין בעסער פֿאָרן; מיר האָבן שוין ניט קיין כּוח צו וואַרטן אויף אונזער אומבאַשטימטן סוף..." אָט פֿירט אַ יונגערמאַן זיין אַלטע מאַמע און רעדט צו איר אַזוי ווי אין פֿיבער: „ניטאָ מער קיין רעטונג, מאַמע! אַבי זאָל זיך דאָס שוין שנעל ענדיקן!..." אַ מיידל רייסט זיך אַריין אין קאָרידאָר אונטן אין אַ צעריסענער קלייד און שרייט היסטעריש: „מען האָט זיי אַלע פֿיר צוגענומען; איצט בין איך אַליין, אַליין! טויט מיך!"

אויף אַ צעבראָכענער וואַנט אַנטקעגן אַריינגאַנג צום „אומשלאַגס־פּלאַץ" זיצט רייטנדיק אַ דייטשער צאָל־באַאַמטער, — ניט קיין סאָלדאַט, ניט קיין פּאָליציאַנט, — נאָר אַ ציווילער דייטש, — און שפּילט זיך שיסנדיק פֿון אַ ביקס אין די פֿענצטער אַנטקעגן.

...נעכטן ביינאַכט האָבן אוקראַינער און לאַטישן דורכגעפֿירט אַ מאַסן־שחיטה פֿון טויזנטער מענטשן. מען האָט געמאָרדעט אין די וואוינונגען, אויף די הויפֿן, אין די גאַסן. אין דער פֿרי האָב איך געטראָפֿן צוויי גרויסע וועגענער אָנגעלאָדן מיט קערפּערלעך פֿון קינדער, גאָר קליינע קינדער ביז צוויי יאָר אַלט...

און די וועלט שווייגט. און אַ וועלט ווייס, וואָס עס קומט דאָ פֿאָר און שווייגט. עס איבערראַשט די דאָזיקע שטילקייט. אפֿשר וועט זיך פֿאָרט עמעצער אָפּרופֿן און אַ רעד־טאָן צו די דייטשן אין דער איינציקער שפּראַך, וועלכע זיי פֿאַרשטייען. — אין דער שפּראַך פֿון טעראָר און שטראָף.

שפּעטער האָבן מיר זיך דאָ דערוואוסט וועגן קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די געטאָס. אַ העלדישער אָבער אויך שרעקלעכער ווידערשטאַנד פֿון טויזנטער צום טויט פֿאַראורטיילטע קעגן דער דייטשער בעסטיע, וואָס האָט געמיינט, אַז אַ ייד איז שוין אין גאַנצן הפֿקר. זיי קעמפֿן דאָך ניט פֿאַר זייער לעבן. — דאָס איז דאָך האָפֿנונגסלאָז. זיי ווילן נאָר נעמען

פֿון שונא דעם העכסטן פּרייז, צאָלנדיק מיט זייער בלוט פֿאַרן פֿאַרניכטן אַ וואָס גרעסערע צאָל פֿון פֿאַרברעכער.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך פֿאַרשטאַנען דעם אַבסורד וועגן אַ דיסקוסיע, וועלכע איך האָב דאָ אָנגעטראָפֿן מכּוח „גוטע און שלעכטע" דייטשן — וועגן דעם צי זיינען זיי אינדיווידועל פֿאַראַנטוואָרטלעך, אָדער טראָגן זיי די אַחריות אַלס אַ פֿאָלק. אמת איז דאָך, דאָס אין דייטשלאַנד האָט שטענדיק עקזיסטירט און עס עקזיסטירט נאָך איצט אַ ספּעציעלער „מאָראַלישער קלימאַט", אין וועלכן די בעסטיאַליטעטן ווערן געבוירן און געהאָדעוועט. און דאָס איז ניט נאָר אין שייכות מיט אַ באַציאונג צו יידן. עס שטעקט אין דעם אַ סאַדיסטישע ליידנשאַפֿט פֿון שטן. מיר זעען דאָך, ווי די דייטשן מאַטערן וואָכן־לאַנג צום טויט־פֿאַרמשפּטע, ווי זיי טראַכטן אויס פֿאַר זיי, באַוואוסטזיניק, פֿאַרשיידענע יסורים. ווי זיי רייסן אָפּ קינדער פֿון עלטערן און האָבן ליב זיך צוצוקוקן, ווי די עלטערן רעאַגירן, ווען מען טויט די קינדער פֿאַר זייערע אויגן... דאָס איז דאָך אַ גענוס פֿאַר די דייטשע תּלינים.

אָט וואַרפֿן זיי דאָך אַרויס אַלטע לייט און קינדער דורך די פֿענצטער פֿון לויפֿנדיקן צוג און שיסן צו זיי, ווען זיי „פֿליען". — דאָס איז דער נייעסטער ספּאָרט ניט נאָר פֿאַר שטורמיסטן, נאָר פֿאַר דער אויפֿוואַקסנדיקער יוגנט.

ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט זיך דאָך פֿונדעסטוועגן אַ טייל פֿון דער דאָזיקער דייטשער יוגנט ראַטעווען... צי קאָנט איר זיך פֿאָרשטעלן אַז אָט די דאָזיקע מערדער, תּלינים, דעגענעראַטן, וועלכע די אוראַלטע ערד האָט געטראָגן, — וועלן ווידער אָנהייבן מיט אונז צו האַנדלען, רייזן צוזאַמען, פֿאָדערן אַפֿילו פֿאַרשיידענע רעכט און פּריווילעגיעס? איז דען אַזוינס ניט געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה?

איידער איך בין אַנטלאָפֿן פֿון פּוילן, בין איך אַ סך מאָל געווען אין וואַרשעווער געטאָ. עס איז נאָך געווען פֿאַר די שוידערלעכע עקזעקוציעס. — אָבער שוין דאַן האָב איך פֿאַרנאָ־

טירט אומצייליקע אַקטן פֿון טעראָר, פֿון חיה׳שער באַהאַנדלונג פֿון יידן און שפּעטער איז געקומען די צייט פֿאַר פּאָליאַקן: מען האָט זיי געכאַפּט, ווי חיות אין די גאַסן; מען האָט פֿאַרפֿולט די תּפֿיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט צענדליקער טויזנטער פֿון זיי. טויזנטער זיינען אומגעקומען און קומען ווייטער אום אין אינקוויזיציע יסורים. אָבער אונטער דער ערד, הינטער די אויגן פֿון שונא איז אויפֿגעוואַקסן אַ מעכטיקע אַרמיי פֿון פֿריי־הייטס־קעמפֿער; וואָס גרעסער די ליידן, אַלץ שטאַרקער ווערן די רייען פֿון אונזער אונטערערדישער מחנה.

מיר ווייסן נאָך ניט איצט, וויפֿל יידן עס זיינען אויסגע־מאָרדעט געוואָרן אין פּוילן. מען זאָגט אַז די קרבנות שטייגן שוין אַריבער צוויי מיליאָן.

אָבער עפּעס איז דאָך געבליבן, און זיי מוז מען ראַטעווען, פֿאַר יעדן פּרייז אויפֿהאַלטן ביים לעבן. די דייטשן דאַרפֿן וויסן, אַז זיי צאָלן דעם פֿולן פּרייז פֿאַר זייערע מערדערייען. ווען מען וואַרפֿט באָמבעס אויף זייערע שטעט דאַרפֿן גלייכצייטיק אויך אַראָפּגעוואָרפֿן ווערן אויפֿרופֿן, — אַז דאָס איז אַ שטראָף פֿאַר מיליאָנען ערמאָרדעטע. יעדע שטאָט, יעדעס דאָרף, — דאַרף צוזאַמען מיט די באָמבעס. — אַזעלכע באַגלייט־בריוועלעך באַ־קומען, — אַז דאָס איז פֿאַר די אומשולדיקע יידן, און אויך פֿאַר אַלע אַנדערע געפּייניקטע אין פּוילן, אין גריכנלאַנד, און נאָר־וועגיע און אין גאַנץ אייראָפּע...

איר רעדט וועגן „גוטע דייטשן“, — אָבער וואו זיינען זיי? וואו זיינען די סאַבאָטאַזש־אַקטן? וואו איז די דייטשע אונ־טערערדישע באַוועגונג? פֿאַרוואָס זעען מיר אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד אין אַלע אָקופּירטע לענדער, — אָבער ניט פֿון די דייטשן אין דייטשלאַנד גופֿא? וואָס מיר גלויבן יאָ איז, אַז ווען דער דייטשער פֿראָנט וועט זיך אָנהייבן ברעכן, — וועט אפֿשר די פּרייסישע גענעראַלן־קליקע אַליין פֿאַראָרדענען צו שאַפֿן אַ „געהיימע באַוועגונג“, כּדי צו דערווייזן, אַז עס זיינען

פֿאַראַן „גוטע דייטשן“, כּדי דורכדעם ראַטעווען אַ טייל מערדער פֿון דער פֿאַרדינטער תּליה...

וועלן מיר זיך אויך דעמאָלט לאָזן כאַפּן אויף דער ווענדקע פֿון רחמנות פֿאַרן אויסוואורף־פֿאָלק, ווי דאָס איז געווען אין 1918?

אָדער אפֿשר וועלן מיר שוין אָנהייבן צושטעלן דעם חשבון — אַפֿשר דאַרף מען זאָפֿאָרט, אָט טאַקע באַלד מודיע זיין דעם דייטש — אַז פֿאַר דערמאָרדן אַן אַלטיטשקע יידענע וועט אומ־קומען זיין א י י ג ע נ ע מ אַ מ ע, ז י י ן ווייב, ז י י ן...

דאָס וועט האָבן אַ פּעולה; דער שטן האָט דאָך ניט קיין רחמנות־געפֿילן — אָבער טשוכעט זיך אויס, ווען מען צינדט אונטער זיין אייגענע פֿעל...

פֿעלקער וואָס קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט וועלן ניט אומקומען, ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין די איינצלנע קרבנות. אָבער די מערדער מוזן אונטערגיין!

דאָס וועט ניט זיין קיין בלינדער אַקט פֿון נקמה, — נאָר אַ באַרעכטיקטע אָפּעראַציע פֿון אַ דאָקטאָר, וואָס שניידט אויס אַ ראַק — כּדי דער גאַנצער אָרגאַניזם זאָל ניט פֿאַרניכטעט ווערן...

ד״ר י. יונאָשאַ

ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1944

דר. ח. שאָשקעס

בלעטער פון א
געטאָ־טאָג־בוך

מיט אַ הקדמה פֿון דר. י. יונאַשאַ

אַן אויטענטישער באַריכט פֿון די טראַגישע יאָרן אין פּוילן, פֿון דער אינוואַזיע ביז דער שלאַכט אין דער וואַרשעווער געטאָ.

$ 1.00

יידישע פֿאָלקס־אויסגאַבע

פֿאַרלאַג דר. ה. ה. גלאַנץ
ניו־יאָרק, 1944